**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/16/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט סטעיט מערקפונקטן צו ווערן אויפגעלאכטן אין פינק לכבוד ׳ברעסט קענסער באוואוסטזיניגקייט מאנאט׳**

***סטעיט דעפארטמענט פון געזונטהייט הייבט ארויס די וויכטיגקייט פון רעגלמעסיגע ׳סקרינינגס׳, פריצייטיג דערשפורן, און מערן צוטריט צו דיאגנאזטיקס און אויפפאסונג***

***בחינם׳דיגע סקרינינגס זענען צו באקומען דורך רופט 1-866-442-CANCER (2262)***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז א טוץ סטעיט לענדמאַרקס וועלן אויפגעלאכטן ווערן אין פינק דעם אוונט, אקטאבער 16, לכבוד ׳ברעסט קענסער באוואוסטזיניגקייט מאנאט׳. די אויפלייכטונג איז געצילט אויף אנערקענען די וויכטיגקייט פון רעגלמעסיגע סקרינינגס און פריצייטיגע אונטערזוכונגען צו טרעפן ברעסט קענסער — נאך אלץ דער מערסט-מצוי׳דיג דיאגנאזירטע קענסער אין ניו יארק — באלד אין אנהייב, ווען באהאנדלונג ארבעט דאס בעסטע.

״אום ׳ברעסט קענסער באוואוסטזיניגקייט מאנאט׳ פארעהרן מיר די וועלכע מיר האבן פארלוירן צו דעם טראגישן קרענק, און אלע העלדישע ניו יארקער וועלכע באקעמפן עס נאך,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דורך אויפלייכטן די לענדמאַרקס אין פינק, אנערקענען מיר די פארשריטן וואס זענען געמאכט געווארן, די ארבעט וואס מוז ווייטער געטון ווערן און די אומוואקלדיגע שטיצע וואס מיר טוען אנבאטן פאר די העלדישע איבערלעבער. דעם אקטאבער, מוטיג איך אלע ניו יארקער זיך צו לערנען איבער די וויכטיגקייט פון זיך זעלבסט אונטערזוכן און רעגלמעסיגע מעמאגרעמס — איינפאכע שריטן וואס מיר קענען נעמען אויף צו באקעמפן דער שרעקליכער מחלה.״

ברעסט קענסער איז דער צווייט-פירנדער סיבה פון קענסער-פארבינדענע טויטפעלער צווישן פרויען, מיט אן ערך פון איין פון יעדע אכט אנטוויקלענדיג די מחלה אין זייערע לעבנס. איבער 16,800 פרויען ווערן דיאגנאזירט און בערך 2,500 ווערן אומגעברענגט דורך ברעסט קענסער יערליך אין ניו יארק, לויט סטאטיסטיקס צוזאמגעשטעלט דורכ׳ן סטעיט העלט דעפארטמענט; בערך 160 מענער ווערן אויך דיאגנאזירט מיט דער מחלה יעדעס יאר.

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמיסיאנערין דר. מערי טי. באסעט האט געזאגט**, ״די פיין פון פארלירן א נאענטן צוליב קענסער איז א ווירקליכקייט פאר צופיל ניו יארקער. דורכאויס ׳ברעסט קענסער באוואוסטזיניגקייט מאנאט׳ געדענקען מיר די וועמען מיר האבן פארלוירן און פארעהרן די קעמפער און איבערלעבער. דער העלט דעפארטמענט וועט ווייטער בויען א יסוד פון יושר׳דיגע צוטריט צו אונטערזוכונגען, אנהייב-פאזע אינטערוועניץ, און הויכע קוואליטעט אויפפאסונג דורך כסדר׳דיגע אינוועסטירונג, א פעסט אוועקגעשטעלטע פאָליסי און קאמיוניטי-באזירטע צוזאמארבעטשאפטן.״

מערקפונקטן און בריקן באלאכטן צו ווערן רעכענען אריין:

- וואָן וואָרלד טרעיד צענטער
- גאווערנער מעריאו עם. קאומאו בריק
- קאסציאושקא בריק
- די העיטש. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט בילדונג געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא פאָלס
- דער ׳פראנקלין די. רוזוועלט׳ מיטל-הודסאן בריק
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- דער לעיק פלאסיד אלימפישע קאמפלעקס
- ׳פעירפארט ליפט׳ ברידזש איבער דעם ערי קאנאל

צו אפט זענען פרויען אומפעאיג צו באקומען קריטיש-וויכטיגע אנהייב-פאזע אינטערוועןנץ צוליב נישט האבן אינשורענס: בערך צוויי דריטלען פון פרויען אין עלטער פון 50 ביז 74 און וועלכע האבן נישט געהאט קיין אינשורענס זענען אונטערזוכט געווארן אין 2020, לויט א נייער באריכט ארויסגעגעבן דורכ׳ן ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט. אין פארגלייך, זענען בערך 83 פראצענט פון פרויען מיט העלט אינשורענס אונטערזוכט געווארן.

וואס מער, ברעסט קענסער באטרעפט אומפראפארציאנעל פרויען פון קאליר. טראצדעם וואס ביי נישט-היספאַנישע ווייסע פרויען איז דאס מערסטע מצוי ברעסט קענסער, האבן נישט-היספאַנישע שווארצע פרויען די העכסטע טויטפאל ראטעס, ארויסהייבנדיג די ריזיגע ראסע אונטערשייד אין געזונטהייט תוצאות.

ניו יארק סטעיט זעצט פאר ווייטער צו נעמען לאנד-וועגווייזיגע שריטן אויף אנפילן דעם חסרון אין די אומגלייכקייטן אין ברעסט קענסער תוצאות און העכערן צוטריט צו דיאגנאזטיקס און באהאנדלונג. פריער דעם חודש, איז א נייע פינאנצירונג געלעגנהייט ארויסגעגעבן געווארן צו שענקען סטעיט גרענטס צו 21 ארגאניזאציעס אנצופירן די ניו יארק סטעיט קענסער סערוויסעס פראגראם אין זייערע קאמיוניטיס. די באשאנקענע וועלן זיך געפונען אין יעדע קאונטי און בארא אין ניו יארק און וועלן פאקוסירן זייערע באמיאונגען אויף יחידים וועלכע האבן נישט קיין געהעריגע צוטריט צו סערוויסעס און טראגן דעריבער אן אומפראפארציאנעלע עול פון קענסער, אריינגערעכנט די אן אינשורענס, אויף צו רעדוצירן געזונטהייט אומגלייכקייטן; מער אינפארמאציע איבער די פינאנצירונג געלעגנהייט געפונט זיך אויף דעם ניו יארק סטעיט גרענטס געיטוועי.

פאריגע וואך, האט גאווערנער האוקול אונטערגעשריבן לעגיסלאציע צו העלפן ברעסט קענסער איבערלעבער אויף צו פארזיכערן אז די וועלכע וועלן זיך אויס צו האבן ברוסטקאסטן ווידער-געבוי סוּרדזשערי נאך א מאַסטעקטאָמי אדער טיילווייזע מאַסטעקטאָמי האבן פאסיגע אינשורענס דעקונג.

דער וויכטיגסטער שריט וואס פרויען און אנדערע ניו יארקער קענען נעמען איז צו האבן רעגלמעסיגע ברעסט קענסער אונטערזוכונגען. אויף צו רעדוצירן די ריזיקע פון באקומען ברעסט קענסער, טוט דער סטעיט העלט דעפארטמענט דערמאנען ניו יארקער צו:

- זיין באוואוסטזיניג איבער פאמיליע היסטאריעס און זיך דורכרעדן איבער זייערע זארגן מיט א עלטקעיר פארזארגער.
- רעדט זיך דורך איבער דאס באניץ פון האָרמאָון ערזעצונג טעראַפּי מיט א העלטקעיר פארזארגער.
- שטודיעס האבן געוויזן אז זייגן פאר לענגערע תקופות ברענגט אראפ די ריזיקע פון באקומען ברעסט קענסער.
- האלטס אייך ביי א געזונטע וואג.
- מאכט רעגולערע עקסערסייז.
- רעדט זיך דורך איבער די ריזיקעס און מעלות פון מעדיצינישע בילדער, ווי למשל CT סקענס, מיט א העלטקעיר פארזארגער כדי אויסצומיידן דאס אומנייטיג זיין אויסגעשטעלט צו 'אייאָנייזינג רעדיעישען'.

ניו יארקער זאלן רעדן מיט א געזונטהייט אויפפאסונג פארזארגער איבער באקומען א מעמאגרעם. די וועלכע האבן נישט קיין געהעריגע אינשורענס אדער א העלטקעיר פראוויידער קענען נאך אלץ ווערן אונטערזוכט: רופט דעם ניו יארק סטעיט קענסער סערוויסעס פראגראם אויף 1-866-442-CANCER (2262) אויף צו געפונען א דערנעבנדע לאקאציע.

דער ניו יארק סטעיט קענסער סערוויסעס פראגראם באט אן בחינם'דיגע ברעסט קענסער סקרינינג פאר בארעכטיגטע, אומאינשורירטע ניו יארקער איינוואוינער אין יעדע קאונטי און בארא. דער קאָלל איז אומזיסט, און אפערעיטערס שטייען גרייט 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך. ניו יארקער קענען אויך דורכקוקן אונזער קאמיוניטי פראגראמען ליסטע אויף צו טרעפן אן ארטיגן פראגראם לויט דער קאונטי אדער בארא און רופן דירעקט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן